בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון קמ״א

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת בשלח
שנת תשפ״ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

## - מַאךְ נִישְׁט חוֹזֶק -

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלַאנְגְט דֶרֶךְ אֶרֶץ

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, א): ״**דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה**״, דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז פַאר תּוֹרָה; כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין תּוֹרָה דַארְף זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע לִימוּד וָואס אַ מְלַמֵּד דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק. עֶס מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ; מֶען קֶען נִישְׁט אַרַיינְרֶעדְן וֶוען אַ מְלַמֵּד רֶעדְט, מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן וֶוען אַ מְלַמֵּד קוּמְט אַרַיין, אוּן מֶען טָאר זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אוֹיפְפִירְן מִיט חוּצְפָּה.

עֶס הָאט נִישְׁט צוּטוּן אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד וֶוערְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן וַוי גֶעטוּן וֶוען מֶען פִּירְט זִיךְ אוֹיף צוּ אִים מִיט חוּצְפָּה אָדֶער נִישְׁט. אַ מְלַמֵּד קֶען נִישְׁט זָאגְן: ״**עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָן אַז דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף מִיט חוּצְפָּה**״, עֶס דַארְף יָא אָנְגֵיין פַארְן מְלַמֵּד אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ וַוייל אַזוֹי וִויל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

פִּינְקְט אַזוֹי וִוי אַ מְלַמֵּד דַארְף זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אַ אִינְגְל וָואס וֶוערְט גֶעשְׁלָאגְן אָדֶער גֶעפַּיינִיגְט פוּן אַ צְוֵוייטְן, אֲפִילוּ דֶער מְלַמֵּד אַלֵיין וֶוערְט נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ גֶעשְׁלָאגְן, וַוייל עֶס לִיגְט אוֹיף אִים אַ חִיוּב צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בְּנוֹגֵעַ דֶרֶךְ אֶרֶץ; אֲפִילוּ עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר נִישְׁט אוֹיבּ דִי קִינְדֶער שְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיף פַאר דִיר אָדֶער נִישְׁט, אוּן אוֹיבּ דִי קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן אַרַיין אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען אָדֶער נִישְׁט, דַארְפְסְטוּ זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין צוּ הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ.

### וָואס טוּט מֶען וֶוען קִינְדֶער זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין זֵייעֶרֶע פַארְיֶערִיגֶע מְלַמְּדִים

אוֹיבּ קִינְדֶער זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין זֵייעֶר פַארְיֶערִיגֶער מְלַמֵּד, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, כִּתָּה ב׳ קִינְדֶער לוֹיפְן נָאךְ זֵייעֶר כִּתָּה א׳ מְלַמֵּד, זֵיי מַאכְן פַאקְסְן פוּן הִינְטֶער אִים אוּן זֵיי שְׁרֵייעֶן אִים נָאךְ: ״**בֶּעבִּי רֶבִּי, בֶּעבִּי רֶבִּי**...״ אָדֶער בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין זֵייעֶר כִּתָּה ט׳ מְלַמֵּד, טָאר נִישְׁט דֶער מְלַמֵּד זָאגְן: ״**וָואס גֵייט מִיךְ עֶס אָן?**״ אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד טְרָאגְסְטוּ אַן אַחְרַיוּת אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן פָאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ זֵייעֶר מְלַמֵּד, אָפְּגֶעזֶען צִי דוּ וֶוערְסְט פֶּערְזֶענְלִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט אָדֶער נִישְׁט.

עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז דֶער מְלַמֵּד דַארְף עֶס אָנְנֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ אוּן קוּקְן אוֹיף דֶעם קִינְד וִוי אַ מְחוּצָף אוּן אַ שֵׁיגֶץ, נָאר עֶר דַארְף צוּגֵיין צוּם מְנַהֵל אוּן דֶערְצֵיילְן: ״**מַיינֶע פַארְיֶערִיגֶע תַּלְמִידִים מַאכְן חוֹזֶק פוּן מִיר, מֶען דַארְף עֶס אָפְּשְׁטֶעלְן**״.

דֶער מְנַהֵל טָאר אוֹיךְ נִישְׁט מַאכְן אַן אוּנְטֶערְשֵׁייד צְוִוישְׁן אַ חוּצְפָּה וָואס שְׁטֶערְט מֶער פַארְן מְלַמֵּד אוּן אַ חוּצְפָּה וָואס שְׁטֶערְט וֵוייניגֶער פַארְן מְלַמֵּד, וַוייל עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אָפְּהֶענְגִיג אִין דִי כָּבוֹד פוּנֶעם מְלַמֵּד, עֶס אִיז אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ חִיוּב פוּן מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, דֶערִיבֶּער דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אַ פַאל וָואס שְׁטֶערְט נִישְׁט פַארְן מְלַמֵּד.

### דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר יֶעדְן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטְן אִין אַ מוֹסָד

יֶעדֶער וָואס קוּמְט אִין בַּארִירוּנְג צוּ קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ בָּאס דְרֵייוֶוער, אַ בָּאס מְלַמֵּד, אַ קֶעכֶער אָדֶער אַ מֶענֶעדְזְשֶׁער, דַארְף שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אוֹיבּ עֶס פַּאסִירְט אַז קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף מִיט חוּצְפָּה קֶעגְן אֵיינֶע פוּן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, צוּם בֵּיישְׁפִּיל זֵיי וַוארְפְן אַ שָׁאלַאכְטְץ פוּן אַ פְּרִי וְכַדוֹמֶה, טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן: ״**עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָן**״, וַוייל עֶס אִיז אַ הִירוּס אִין חִינוּךְ צוּ לָאזְן קִינְדֶער וַוארְפְן זַאכְן אוֹיף אַן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטְן פוּן דִי מוֹסָד; פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען טַאקֶע גֶעדֶענְקֶען אַז זֵיי זֶענֶען נָאךְ קִינְדֶער אוּן דָאס אִיז דֶער אוֹיפְפִירוּנְג פוּן קִינְדֶער, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן.

### רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ אַן עֶלְטֶערְן מֶענְטְשׁ

עֶלְטֶערְן דַארְפְן מְחַנֵּךְ זַיין זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר אֵיינֶעם וָואס אִיז עֶלְטֶער פוּן זֵיי.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אַבִּיסְל נָאךְ מַיין בַּר מִצְוָה, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ צוּ אַ אִינְגֶערְמַאן: ״**דוּ רֶעדְסְט וִוי אַ שׁוֹטֶה**״, מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א הָאט עֶס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר מִיר גֶעגֶעבְּן אַ קְנַס, עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג: ״**אִיךְ וִויל נִישְׁט הֶערְן וִוי דוּ רֶעדְסְט אַזוֹי צוּ אַן עֶלְטֶערֶער מֶענְטְשׁ**״. יֶענֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מַיין מְלַמֵּד אָדֶער מַגִּיד שִׁיעוּר, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַ שׁוֹטֶה... דָאךְ הָאט מִיר מַיין טַאטֶע אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַזוֹי רֶעדְן צוּ אֵיינֶעם וָואס אִיז עֶלְטֶער פוּן דִיר. אוֹיבּ יֶענֶער פִירְט זִיךְ אוֹיף נַארִישׁ אוּן עֶר אִיז אַ טַאקֶע שׁוֹטֶה, זָאל אִים עֶס אַ צְוֵוייטֶער זָאגְן... אָבֶּער אַ יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ דַארְף רֶעדְן צוּ אֵיינֶעם וָואס אִיז עֶלְטֶער פוּן אִים מִיט כָּבוֹד אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אָפְּלַאכְן אָדֶער חוֹזֶק מַאכְן.

## חס ושלום צו שלאגן א קינד

אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער. שְׁלָאגְן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קֵיין שׁוּם שֵׂכֶל, עֶס אִיז נָאר אוֹיסְצוּבְּלָאזְן דִי אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע נֶערְוְוען. הִשָּׁמֵר וְהִזָּהֵר אוֹיב מֶען רִירְט אָן אַ קִינְד, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה; אַז מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד קֶען מֶען חָלִילָה וְחַס שֶׁעדִיגְן דֶעם קִינְד מִיטְן צֶעבְּרֶעכְן אַ בֵּיין וְכַדּוֹמֶה, אַפְּגֶערֶעדְט אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף.

אוֹיבּ אַ קִינְד ווִיל נִישְׁט פָאלְגְן אַן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטְן אִין דִי מוֹסָד, דַארְף מֶען עֶס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַארְן מְנַהֵל פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה.

אֲפִילוּ ווען אַ קִינְד אִיז מַמָּשׁ גֶעפֶערְלִיךְ, עֶר דְרֵייט אִיבֶּער וְכוּ', צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶר דְרֵייט אִיבֶּער דִי בָּאס אַז דֶער דְרַייוֶוער קֶען נִישְׁט ווַייטֶער פִירְן דֶעם בָּאס, טָאר נִישְׁט דֶער בָּאס דְרַייוֶוער אָנְרִירְן דֶעם קִינְד, עֶר קֶען פַארְקִירְן דֶעם בָּאס אִין אַ זַייט אוּן זָאגְן פַארְן קִינְד: **"אִיךְ וֶועל מוּזְן רוּפְן דַיין טַאטֶע"**. אַ קְלוּגֶער דְרַייוֶוער הָאלְט בַּיי זִיךְ אֵייבִּיג אַפָּאר צוּקֶערְלֶעךְ אוּן אַזוֹי אִיז עֶר מְשַׁחֵד דִי קִינְדֶער.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, כב): **"אִם תִּכְתּוֹשׁ אֶת הָאֱוִיל בַּמַּכְתֵּשׁ"**, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט שְׁטוֹיסְן דֶעם נַאר אִין אַ שְׁטֵייסְל, **"בְּתוֹךְ הָרִיפוֹת בַּעֱלִי"**, צְווִישְׁן דִי ווַייץ קֶערְלֶעךְ, ווָאס מֶען צֶעמָאלְט זַיי, **"לֹא תָסוּר מֵעָלָיו אִוַּלְתּוֹ"**, ווֶעט דֶער נַאר בְּלַייבְּן מִיט זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן. בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ צוּ זָאגְן מֶען זָאל שְׁטֵיין ווַייט פוּן אַ נַאר, ווַייל מֶען קֶען סַיי ווִי גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן מִיט אִים. אָבֶּער אַלְס חִיזּוּק פַאר מְחַנְּכִים קֶען זַיין פְּשַׁט אַזוֹי: שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אוּנְז, הָאסְט אַ קִינְד ווָאס פִירְט זִיךְ נַארִישׁ אוּן מַאכְט נֶערְווֶעז, זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט שְׁלָאגְן, שְׁטוֹיסְן אוּן צִיפְּן, ווַייל דָאס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס הֶעלְפְט אוֹיפְן מִינוּט אַיינְצוּשְׁלֶעפְן דֶעם קִינְד, אָבֶּער עֶס נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק דֶעם פְרָאבְּלֶעם, עֶר ווֶעט בְּלַייבְּן מִיט זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, ווָאס דֶען? רֶעד צוּ אִים אוּן זַיי אִים מְחַנֵּךְ - וֶועלְן זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן אַוֶועקְגֵיין.

## נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן אַ קִינְד'ס שְׁוַואכְקֵייט

אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן אַ קִינְד'ס שְׁוַואכְקֵייט. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אוֹיבּ אַ קִינְד הָאט מוֹרָא פוּן עֶפֶּעס, אָדֶער עֶר שֶׁעמְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אָדֶער עֶר הָאט אַ קִינְדֶערִישֶׁע אוּמְבַּא'טַעמְטֶע גֶעוווֹינְהֵייט, טָאר אִים נִישְׁט דֶער מְלַמֵּד זָאגְן מִיט אַ גֶעשְׁפֶּעט: **"פַארְווָאס הָאסְטוּ מוֹרָא?"** **"פַארְווָאס שֶׁעמְסְטוּ זִיךְ?"** **"פִּירְסְט זִיךְ אוֹיף ווִי אַ בֶּעבִּי"**, **"זַיי נִישְׁט קֵיין בֶּעבִּי"**, ווַייל דָאס קִינְד אִיז דָאךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג אִין זַיינֶע שְׁוַואכְקֵייטְן ווָאס עֶר הָאט. דֶער מְלַמֵּד דַארְף מְחַזֵּק זַיין דֶעם קִינְד צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעווֹוינְהֵייטְן, אוּן דֶער מְלַמֵּד אַלֵיין זָאל אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְן קִינְד.

## ווָאס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד ווָאס הָאט אַ פַּחַד

אוֹיבּ אַ קִינְד זָאגְט פַארְן מְלַמֵּד: **"רֶבִּי אִיךְ הָאבּ מוֹרָא"**, זָאל עֶר אִים זָאגְן: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט דִיךְ"**, ווַייל רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אַוֶועק צוּ נֶעמֶען שְׁרֶעק, ווִי מֶער מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה - אַלְץ מֶער ווֶעלְן זַיי נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

אַ טַאטֶע הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, זַיין קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין אִין שׁוּל ווַייל אוֹיפְן ווֶעג זֶענֶען דָא הִינְט ווָאס בִּילְן, דֶער קִינְד פְלֶעגְט הָאבְּן שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּחֲדִים פוּן דִי הִינְט. דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַלְץ גֶערֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דִי הִינְט בִּילְן - אָבֶּער זַיי קֶענֶען גָארְנִישְׁט טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּנְז, אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאסִירְט גָארְנִישְׁט; בִּיז דֶער קִינְד הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ מוֹרָא הָאבְּן, אוּן עֶר גֵייט שׁוֹין אִין שׁוּל אָן קֵיין שׁוּם פַּחַד.

## ווָאס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד ווָאס ווִיל אַ גַאנְצְן טָאג אַהֵיימְגֵיין

אוֹיבּ אַ קִינְד קוּמְט יֶעדֶע פָּאר מִינוּט צוּם מְלַמֵּד זָאגְן: **"רֶבִּי אִיךְ ווִיל שׁוֹין אַהֵיימְגֵיין"**, **"רֶבִּי אִיךְ ווִיל שׁוֹין אַהֵיימְגֵיין"**, טָאר דֶער מְלַמֵּד נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן אִים אוּן זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"עֶר אִיז אַ בֶּעבִּי, עֶר ווִיל שׁוֹין אַהֵיימְגֵיין"**, נָאר עֶר דַארְף אִים בַּארוּאִיגְן אוּן זָאגְן: **"בַּאלְד גֵייט מֶען שׁוֹין אַהֵיים"**.

שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג בְּרֶענְג אִיךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אַלֶע מַיינֶע אֵינִיקְלֶעךְ פוּן דִי דְרֵיי יָאר אוּן הֶעכֶער, אוּן אִיךְ הַאלְט זַיי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בִּיז שְׁפֶּעט, אִיךְ לֶערְן מִיט זַיי בַּיי אָבוֹת וּבָנִים, נָאכְדֶעם לֶערְן אִיךְ פָאר אַ שִׁיעוּר אִינֶעם בְּלַאט גְמָרָא וְכוּ', ווַייל מַיין ווַייבּ תִּחְיֶ' זָאגְט מִיר אַז עֶס אִיז אִיר גְרִינְגֶער אַוֶועקְצוּפַּאקְן דֶעם שַׁבָּת ווען דִי אֵינִיקְלֶעךְ זֶענֶען נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים. מַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען יֶעדֶע פָּאר מִינוּט צוּ מִיר זָאגְן: **"טַאטִי, אִיךְ ווִיל שׁוֹין אַהֵיימְגֵיין צוּ מַאמִי"**, **"טַאטִי, אִיךְ ווִיל שׁוֹין אַהֵיימְגֵיין צוּ מַאמִי"**, זָאג אִיךְ זֵיי צוּרִיק: **"מֶען גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט אַהֵיים"**, **"מֶען גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט אַהֵיים"**.

## סַבְלָנוּת פַאר אַ קִינְד ווָאס שֶׁעמְט זִיךְ

אוֹיבּ אַ קִינְד אִיז זֵייעֶר שֶׁעמֶעדִיג, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ ווען מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען, צוּם בֵּיישְׁפִּיל עֶר שֶׁעמְט זִיךְ צוּ זַיין בַּעַל תְּפִלָּה, בַּעַל קוֹרֵא אָדֶער גַבַּאי, טָאר אִים נִישְׁט דֶער מְלַמֵּד פַארְשֶׁעמֶען אוּן חוֹזֵק מַאכְן פוּן אִים: **"שׁוֹין ווַייטֶער שֶׁעמְסְטוּ זִיךְ?"** נָאר עֶר זָאל אִים זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט: **"דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ ווֶעל אִיךְ נֶעמֶען אַן אַנְדֶערְן צוּ זַיין בַּעַל תְּפִלָּה, בַּעַל קוֹרֵא אָדֶער גַבַּאי"**.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ מַעֲשֶׂה. אַ קִינְד אִיז אֵיין טָאג גֶעקוּמֶען אִין שׁוּלֶע מִיט אַ סְוֶועטֶער ווָאס קוּמְט מִיט אַ צוּדֶעק פַארְן קָאפּ אוּן זִי אִיז מִיט דֶעם גֶעזִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג, דִי לֶערֶערִין הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט: **"פַארְווָאס טוּסְטוּ נִישְׁט אוֹיס דַיין סְוֶועטֶער?"** הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר קַאלְט"**, דִי לֶערֶערִין הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוווּנְדֶערְט אוֹיף אִיר עֶנְטְפֶער ווַייל עֶס אִיז גֶעווֶען אִינְמִיטְן זוּמֶער אוּן עֶס אִיז גֶעווֶען ווַארֶעם אִין כִּתָּה. זִי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶפֶּעס אַ מַעֲשֶׂה לִיגְט אוּנְטֶער דֶעם... צוּם סוֹף הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז אִיר מַאמֶע הָאט אִיר גֶעשְׁנִיטְן דִי הָאר אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע אוֹפְן ווָאס קֵיינֶער פוּן אִיר כִּתָּה אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי, אוּן זִי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס זָאלְן עֶס בַּאמֶערְקְן, דֶערְפַאר הָאט זִי זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּנְטֶער דֶעם צוּדֶעק פוּנֶעם סְוֶועטֶער... ווען דִי לֶערֶערִין ווָאלְט אִיר אָנְגֶעשְׁרִיגְן: **"טוּ אוֹיס דַיין סְוֶועטֶער, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ"**, ווָאלְט דָאס קִינְד גֶעווָארְן זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אוּן פַארְווֵייטָאגְט אוֹיף דִי לֶערֶערִין.

## ווִי אַזוֹי גֵייט מֶען זִיךְ אוּם מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶעווֹוינְהֵייטְן פוּן קִינְדֶער

אוֹיבּ מֶען הָאט אִין כִּתָּה אַ קִינְד ווָאס הַאלְט זַיין פִינְגֶער אִין מוֹיל, דַארְף מֶען ווִיסְן, עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר אַן אוּמְבַּא'טַעמְטֶע זַאךְ אָבֶּער דֶער מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן אִים, עֶר קֶען אִים זָאגְן: **"עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גוּטֶע זַאךְ זִיךְ צוּגֶעווֹוינֶען צוּ הַאלְטְן דִי פִינְגֶער אִין מוֹיל, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען אָפְּגֶעווֹוינֶען דֶערְפוּן"**, אוּן דֶער מְלַמֵּד אַלֵיין זָאל אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶעם תַּלְמִיד עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען אָפְּגֶעווֹוינֶען פוּן דֶעם גֶעווֹוינְהֵייט, אוּן אַז עֶר זָאל ווִיסְן מִיט חָכְמָה ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיטְן קִינְד אִין

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

דֶעם פַאל.

אַ מְלַמֵד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט: עֶר אִיז אַ מְלַמֵד אִין כִּתָּה ב', אֵיין יָאר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין כִּתָּה אַ קִינְד וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין דִי זַייט, אַיינְזַאם, מִיט זַיין פִּינְגֶער אִין מוֹיל; עֶר פְלֶעגְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֵיין זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט אַלֶע קִינְדֶער. דֶער מְלַמֵד הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן דֶעם מְלַמֵד פוּן כִּתָּה א', וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם קִינְד, הָאט אִים דֶער מְלַמֵד גֶעזָאגְט: **"דֶער קִינְד - מִיט אַ בִּיטוּל - אִים פְלֶעג אִיךְ יֶעדְן טָאג פַארְשֶׁעמֶען פַאר אַלֶע קִינְדֶער, וַוייל עֶר נֶעמְט זַיין פִּינְגֶער אִין מוֹיל ווִי אַ בֶּעבִּי"**; דֶער מְלַמֵד הָאט אִים יֶעדְן טָאג פַארְשֶׁעמְט בָּרַבִּים, אוּן עֶר פְלֶעגְט שְׁפֶּעטְן פוּן אִים אִין כִּתָּה בָּרַבִּים: **"קוּקְט קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן אַ בֶּעבִּי אִין כִּתָּה א' מִיט אַ פִינְגֶער אִין מוֹיל"**, אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר יֶעדְן טָאג טוּן, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן, וַוייל דֶער קִינְד אִיז וַוייטֶער גֶעזִיצְן מִיטְן פִינְגֶער אִין מוֹיל, נָאר אֵיין זַאךְ הָאט עֶר אוֹיפְגֶעטוּן אַז דָאס קִינְד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט אוּן פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חֲבֵרִים, אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים, נָאר עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט אֵיין חַבֶר - מִיט זַיין פִּינְגֶער...

דֶער מְלַמֵד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן צוּ הֶערְן ווִי דֶער פַארְיֶערִיגֶער מְלַמֵד הָאט יֶעדְן טָאג פַארְשֶׁעמְט דֶעם קִינְד, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים אַרַיינְשֵׁיינֶען אַן עֵיצָה וָואס צוּ טוּן מִיט דֶעם קִינְד, ווִי אַזוֹי עֶר קֶען הֶעלְפְן אַז דֶער קִינְד זָאל וֶוערְן צוּרִיק אַ חֵלֶק פוּן דִי כִּתָּה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶס אִיז אִים בֵּייגֶעפַאלְן אַן עֵצָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם קִינְד: **"אִיךְ הָאבּ נָאכְגֶעקוּקְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז עַל פִּי הֲלָכָה מֶעג מֶען נֶעמֶען דִי פִינְגֶער אִין מוֹיל"**, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי קִינְדֶער חוֹזֶק מַאכְן פוּן דֶעם, הָאט עֶר גֶעזָאגְט הוֹיךְ פַאר אַלֶע קִינְדֶער אַז מֶען מֶעג נֶעמֶען דִי פִינְגֶער אִין מוֹיל, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֲבֵירָה, אוּן פְלְאֵי פְלָאִים עֶס אִיז אַרִיבֶּער צְוֵויי דְרֵיי וָואכְן, דֶער קִינְד הָאט אָפְּגֶעלָאזְט זַיין אַלְטֶע חַבֶר - זַיין פִינְגֶער, אוּן הָאט מֶער נִישְׁט גֶענוּמֶען זַיין פִינְגֶער אִין מוֹיל, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען נֵייעֶ חֲבֵרִים אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעוָוארְן אַ חֵלֶק פוּן זַיין כִּתָּה.

עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן יֶעדֶע בֵּיישְׁפִּיל פוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעווֹאוֹינְהֵייטְן צוּ וָואס קִינְדֶער וֶוערְן צוּמָאל צוּגֶעווֹאוֹינְט, אָבֶּער דָאס אִיז דֶער עֵצָה צוּ יֶעדְן פַאל, מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אוּן אַרָאפְּקְלַאפְּן דֶעם קִינְד, נָאר אִים מְחַזֵק זַיין צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ אָפְּלָאזְן דֶעם גֶעווֹאוֹינְהֵייט, אוּן דֶער מְלַמֵד אַלֵיין זָאל אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְן קִינְד אוּן אַז עֶר זָאל ווִיסְן מִיט חָכְמָה ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיטְן קִינְד אִין דֶעם פַאל.

קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט ווִי שְׁוֶוער אַ מְלַמֵד אַרְבֶּעט, אוּן וָואס אַ מְלַמֵד גֵייט אַלְץ אַרִיבֶּער אִין אֵיין טָאג. פִּינְקְט וֶוען אַ מְלַמֵד וִויל אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען, הֵייבְּט אַ אִינְגְל אָן אַרוּמְלַאכְן מִיט זַיינֶע שְׁכֵנִים, וֶוען דֶער מְלַמֵד שְׁטֶעלְט אִים אָפּ, הֵייבְּט אַ צְוֵוייטֶער אָן צוּ שְׁטֶערְן וְכוּ', אַ מְלַמֵד דַארְף אַרְבֶּעטְן מִיט כֹּחַ אוּן מֹחַ עֶר זָאל פָּשׁוּט קֶענֶען אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיט דִי קִינְדֶער; עֶנְדְלִיךְ עֶר קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן דָאס פָארְלֶערְנֶען אוּן עֶר הָאט שׁוֹין אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער אִינֶעם לִימוּד דַארְף מֶען שׁוֹין גֵיין הַפְסָקָה...

אַ מְלַמֵד דַארְף זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין אָנְצוּגֵיין מִיט זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן עֶר זָאל ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער מִיט דִי קִינְדֶער אוּן ווִי אַזוֹי עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע גֶעטְרֵיישַׁאפְט אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין זֵיי אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### גֶעבְּן גוּטֶע זַאכְן פַאר קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן דַאוֶוענֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַ מְלַמֵד פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ מֶען דַארְף אִיבֶּערְרֶעדְן קִינְדֶער פוּן בְּעֶרֶךְ פִינְף יָאר אַלְט אַז אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן דַאוֶוענֶען וֶועלְן זֵיי בַּאקוּמֶען זִיסְוַוארְג אוּן גוּטֶע מַתָּנוֹת, אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער דַאוֶוענֶען מִיט הִתְלַהֲבוּת, אָדֶער אִיז מֶער רִיכְטִיג זֵיי צוּ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ דַאוֶוענֶען נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אָן דִי צוּקֶערְלֶעךְ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ מְלַמֵד, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵים אֶלָא בִּשְׁבִיל הֶבֶל פִּיהֶם שֶׁל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן", דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא; מְלַמְדִים הַאלְטְן דִי וֶועלְט, דִי מְלַמְדִים לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

אַוַודַאי אִיז גוּט צוּ גֶעבְּן גוּטֶע זַאכְן פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דַאוֶוענֶען שֵׁיין, אַזוֹי גֶעווֹאוֹינְט מֶען זֵיי צוּ זֵיי זָאלְן דַאוֶוענֶען, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועלְן זֵיי דַאוֶוענֶען אָן דִי גוּטֶע זַאכְן, זֵיי וֶועלְן פַארְשְׁטֵיין אַז דַאוֶוענֶען אִיז לֶעבְּן, תְּפִלָּה לָקֵל חַיָּי. מִיר גֶעפִינֶען אִין חֲזַ"ל מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים ווִי זֵיי הָאבְּן מְשַׁחֵד גֶעוֶוען תַּלְמִידִים. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.), עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ, עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד דְרַדְקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד. אִיךְ הָאבּ

אִין שְׁטוּבּ אַ פִּישׁ טַאנְק, אוּן אִיךְ רֶעד אִים צוּ, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען – וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִּישֶׁעלֶעךְ, בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען"; דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין כֹּחַ, דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט זַיינֶע תְּפִלּוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בָּבָא מְצִיעָא פה.), רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט אַזוֹי מְשַׁחֵד גֶעוֶוען אַ זוּן פוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן אַ זוּן פוּן רֶבִּי טַרְפוֹן, עֶר הָאט זֵיי צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט צוּזָאגְן שִׁידוּכִים וְכוּ', אוּן שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שֶׁלֹּא עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרַס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויחי שנת תשפ"ה לפרט קטן)

## ווִי אַזוֹי הָאט דָאס קִינְד אוֹיפְגֶעהֶערְט בַּייסְן דִי נֶעגְל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין מַיין חֵדֶר אִיז דָא אַ אִינְגל וָואס בַּייסְט דִי נֶעגְל כְּסֵדֶר, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיפְהֶערְן.

אוֹיפְן וֶועג צוּם פַּארְק גֵייט מֶען דוּרְךְ אַ שׁוּל, אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוען עֶס אִיז לֵיידִיג גֵייט מֶען דָארְט אַרַיין צוּ קוּשְׁן דֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אֵיינְמָאל הֶער אִיךְ ווִי עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל נִישְׁט בַּייסְן דִי נֶעגְל", אוּן הַיינְט כַּאפּ אִיךְ זִיךְ אַז כִּמְעַט וָואס עֶר בַּייסְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט דִי נֶעגְל.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ט' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער תְּפִלָּה, זֵיי זָאלְן יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען ווִיל – אִיז דָא נָאר אֵיין עֵצָה, 'תְּפִלָּה'; בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי ווִי מֶען בֶּעט פוּן אַ טַאטֶע, אַזוֹי ווִי מֶען בֶּעט פוּן אַ גוּטֶער פְרֵיינְד. אַז מֶען לֶערְנְט דָאס מִיט קִינְדֶער, מֶען רֶעדְט פוּן תְּפִלָּה נָאכְאַנַאנְד – גֵייט דָאס אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער, זֵיי גֶעדֶענְקֶען דָאס פַארְן גַאנְצְן לֶעבְּן, אוּן וֶוען זֵיי וֶועלְן דַארְפְן אוּן וֶועלְן עֶפֶּעס אִין לֶעבְּן – וֶועלְן זֵיי ווִיסְן אַז דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען דָאס בַּאקוּמֶען.

זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ גֵייסְט מִיט זֵיי אַרַיין אִין אַ לֵיידִיגֶע שׁוּל אוּן דוּ לֶערְנְסְט זֵיי אוֹיס צוּ קִישְׁן דִי פָּרֹכֶת, אוּן אוֹיךְ אַז זֵיי זָאלְן בֶּעטְן בַּיי דִי פָּרֹכֶת. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט ווִי זַיין מְלַמֵד רֶבִּי יַעֲקֹב קַלְמְנוֹבִיץ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן בִּלְשׁוֹן חִבָּה ר' יַעֲקֹב מְלַמֵד) – פְלֶעגְט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, וֶוען אַ קִינְד הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט פְלֶעגְט דֶער מְלַמֵד נֶעמֶען דָאס קִינְד אוּן אִים שְׁטֶעלְן בַּיים אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, דִי חֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ שׁוּל, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם קִינְד קִישְׁן דִי פָּרֹכֶת, עֶר הָאט אִים פָארְגֶעזָאגְט אַ תְּפִלָּה אוּן אִים גֶעהֵייסְן נָאכְזָאגְן וָוארְט בַּיי וָוארְט; אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי קִינְדֶער דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, אַז וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס זָאל מֶען צוּ גֵיין צוּם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, גֶעבְּן אַ קִישׁ דֶעם פָּרֹכֶת אוּן בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז פוּן אַלֶע זַיינֶע מְלַמְדִים גֶעדֶענְקְט עֶר נָאר זִכְרוֹנוֹת פוּן דֶעם מְלַמֵד אוּן פוּן נָאךְ אַ מְלַמֵד וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, פוּן דִי אֱמוּנָה אוּן פוּן דִי תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וָואס זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי קִינְדֶער. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיךְ פַארְצֵיילְט אַז עֶר פְלֶעגְט אוֹיסְטֵיילְן אִין חֵדֶר יֶעדְן טָאג פַאר אַלֶע קִינְדֶער אַ פְּרוּטָה, אוּן עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ פּוּשְׁקֶע צוּ אַלֶע קִינְדֶער, אוּן בִּשְׁעַת עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי פּוּשְׁקֶע הָאט עֶר גֶעהַאט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער נִיגוּן וָואס עֶר פְלֶעגְט זִינְגֶען: "הֲרֵינִי נוֹתֵן צְדָקָה לַעֲנִיִּים וְלַיְתוֹמִים וּלְאַלְמָנוֹת, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אָרֶעמֶעלַייט, אוּן אִין דֶעם זְכוּת זָאל אִיךְ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פוּן אַלֶע מַחְלוֹת אוּן אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ אַ צְוֵייטְן"; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט צוּגֶעלֵייגְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע מַחֲזֶה צוּ זֶען ווִי אַזוֹי יֶעדֶעס קִינְד לֵייגְט אַרַיין אַ פְּרוּטָה אִין דִי פּוּשְׁקֶע נָאכְן זָאגְן דִי תְּפִלָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת יתרו שנת תשפ"ה לפרט קטן)


חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

אויף קול ברסלב

דרוקט: 1-2-4-2

- שמעו ותחי נפשכם -



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com



קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך

212-444-9191 / 845-351-0910

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876